**ברוכים הבאים צו דער אינסטאַנץ פאַר געשעפטס-קאָנקורענץ**

קאָנקורענץ צווישן געשעפטן שטעלט מיט זיך פאָר א פאָזיטיווע דערשײַנונג פאַר געברויכער, ווײַל זי ברענגט צו דער פארקלענערונג פון די פרײַזן, צו דער העכערונג פון דער קוואַליטעט און צו דער פארגרעסערונג פונעם אויסוואַל. אויב עס עקסיסטירט א געזונטע קאָנקורענץ, ווערט די טעטיקייט פון די געשעפטס-קאָמפּאַניִעס מער עפעקטיוו. די קאָנקורענץ סטימולירט אויך דעם בעסערן אויסנוץ פון די רעסורסן פון די קאָמפּאַניִעס, גיט א מעגלעכקייט פאַר נײַע מענטשן זיך אײַנשליסן אינעם מאַרק און פארשטאַרקט די שוועדישע קאָנקאַרענץ-קראַפט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק. פאַר דער עפעקטיווער פונקציאָנירונג פון דער קאָנקורענץ מוזן די קאָמפּאַניִעס אָפּהיטן די פאָלגנדיקע כללים.

לויט דעם קאָנקורענץ-געזעץ טאָרן די קאָמפּאַניִעס ניט צוזאַמענאַרבעטן צווישן זיך אויף אזא אופן, וואָס באַגרענעצט די קאָנקורענץ, למשל, שאַפן קאַרטעלן. עס איז אויך פארבאָטן פאַר גרויסע קאָמפּאַניִעס מיסברויכן מיט זייער קראַפט אויפן מאַרק. דערצו מוזן גרויסע קאָנצענטראַציִעס פון קאָמפּאַניִעס זיך רעגיסטרירן אין דער אינסטאַנץ פאַר געשעפטס-קאָנקורענץ. אויך די קאָנקורענץ-כללים פון דער אייראָפּעיִשער געמיינדשאַפט זײַנען גילטיק אין שוועדן.

די אינסטאַנץ פאַר געשעפטס-קאָנקורענץ שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינסטיטוציע, וואָס אינספּעקטירט די טעטיקייט פון געשעפטס-קאָמפּאַניִעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קאָנקורענץ-געזעץ. מיר לייגן פאָר אויך ענדערונגען אין די כללים, וואָס פארבעסערן די קאָנקורענץ, פארשפּרייטן אינפאָרמאַציע וועגן די כללים און שטיצן פאָרשונגען וועגן קאָנקורענץ. מיר זײַנען גרייט אויפצונעמען פּרעטענזיִעס פון קאָמפּאַניִעס און געברויכער, ווען ס'איז דאָ א חשד, אז א געוויסע קאָמפּאַניע ברעכט דאָס קאָנקורענץ-געזעץ. Claes Norgren איז דער גענעראַל-דירעקטאָר פון דער אינסטאַנץ פאַר געשעפטס-קאָנקורענץ.

פאַר מער אינפאָרמאַציע קאָנטאַקטירט ביטע דורך בליץ-פּאָסט

konkurrensverket@kkv.se

פאַקס 08-245543 אָדער טעלעפאָן 08-7001600